STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04232

REFERAT

H. Golomb

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

צבי ניסן גאָלאָמב

רעפעראַט

וועלכן איך האָב פאָרגעטראָגן צו מיין דאָפּלדיגען יובּילײ
50-יאָהריגע ליטעראַרישע טעטיקייט און 75-טן געבורטסטאָג
(ט"ו כסליו תרפ"ו)

וואָס איז געווען איינגעאָרדנט אים צו פייערן פון דעם
ווילנער יידישן ליטעראַטן- און זשורנאַליסטן-פאַראיין

1926

דרוקעריי „ווילנער פאַרלאַג" פון ב. קלעצקין

Referat jubileuszowy H. Gołomba.

Adres: Wilno, ulica Straszuna 9, H. Gołomb.

Drukarnia „Wyd. Wileńskie“ B. Kleckina, Wilno.

אַלס מחבר פֿון אַ ריי ווערק בין איך געוואָינט אָנצוהייבן מיט אַ פֿאָרעדע, דעריבער באַנוץ איך מיין געוואָהנהייט און הויב אָן מיין איצטיקן פֿאָרטראָג מיט אַ קורצע הקדמה.

דער אינהאַלט פֿון מיין פֿאָרטראָג איז געווידמעט די ביידע קאַטעגאָריען פֿון דער ליטעראַטור: דער העברייאישן און דער יידישן, וועלכע האָבן מיר באַערט מיט פריינדליכע גראַטולירונג צו מיין יובליי אַלס שעפֿער פֿון אַרבעט אויף די ביידע געביטן.

ווען מען טרעט אַרויס מיט אַ פֿאָרטראָג פֿאַר אַ וועלכע ס'איז פּאַרטיי אָדער גרופּע, וואָס איז דורכגעדרונגען פֿון איין אידעע, בלייבן אַלע צופֿרידן. מיר אָבער קומט אויס צו ריידן פֿאַר אַ פֿאַרזאַמלונג, אויף וועלכער אין הינזיכט פֿון דער טעמע געפֿינען זיך מענטשן פֿון פֿאַרשיידענע אָנשויאונגען און אידעען — דעריבער בעט איך אויסצוהערן מיין פֿאָרטראָג מיט געדולד ביזן סוף, האָפֿנדיק, אַז ער וועט צופֿרידנשטעלן די גאַנצע פֿאַרזאַמלונג, ווייל איך אַליין בין אַ ביידע־זייטיקער. אַלזאָ הויב איך אָן:

I.

לויט מיין רעכענונג בין איך געבאָרן געוואָרן מיט אַ פּאָר יאָר פֿריער פֿאַרן אָפּשטאַרבן פֿון דעם באַרימטן משורר מיכה־יוסף בן אָדם הכהן לעבענסאָן (1852). ס'איז לייכט צו פֿאַרשטיין, אַז איך האָב זיך ערצויגן אין אַ גלענצנדע עפּאָכע פֿון העברייאיש, אין אַ ליטעראַטור פֿון שירים מיט אַ פֿיינער פֿראַזע, אין וועלכע ס'האָבן אָפּגעקלונגען און געשטראַלט די ביבלישע מליצות אין גייסט פֿון אונזער נביאים'שער פּאַעזי.

באַטראַכטנדיק מיט אַן אַלגעמיינעם איבערבליק — פֿון יענער צייט פֿון מיין בליענדער יוגנט ביז דער צייט פֿון מיין פֿאַרוועלקטן

עלטער — די פֿאַרשײדענע עפּאָכן, װעלכע די העברעיִשע ליטעראַטור, האָט איבערגעלעבט און בײַ װעלכער זי געפֿינט זיך בײַ היינטיקן טאָג, ד. ה. װעלכע אומענדערונגען קענען פֿאָרקומען אין אַ קולטור אין אַ משך פֿון אַ מענטשנס לעבן, אַן ערך 70 יאָר, — געפֿינען מיר אין תּלמוד אַ פֿײַנעם און אַ דײַטלעכן באַגריף דורך אַן אַלעגאָריע, װעלכע שטעלט פֿאָר אַ צופֿאַל, װאָס האָט פּאַסירט מיט דעם „חוני המעגל“, װעלכער האָט אײַנגעשלאָפֿן בײַ אַן אָקערשט פֿאַרפֿלאַנצטן באָקסאָר-בוים. אַרום אים האָט זיך פֿאַרפּלאָכטן אַ בײדל פֿון שפּינװעבס, אויף װעלכן ס'האָט זיך אָנגעקליבן אַזוי פֿיל שטויב, ביז ס'איז געװאָרן אַרום אים אַ דיקע װאַנט. װען דער אײַנגעשלאָפֿענער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, האָט ער געזען, װי מען קלײַבט שוין פֿון דעמזעלביקן פֿאַרפֿלאַנצטן בוים די באָקסאָרן. דערפֿון האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז ער האָט אָפּגעשלאָפֿן גאַנצע 70 יאָר, װײַל אַזאַ סאָרט בוים ברײַנגט זײַנע פֿרוכט אין 70 יאָר אַרום נאָך זײַן פֿאַרפֿלאַנצן. מען קען זיך פֿאָרשטעלן, װאָס פֿאַר אַ היפּוך ער האָט געפֿונען אין דער קולטור פֿון זײַן איבערגעלאָזענער עפּאָכע: גאַנץ אַנדערע באַגריפֿן און אידעען — ער האָט שוין קײנעם ניט דערקענט. און קײנער האָט אים ניט דערקענט.

גאַנץ דאָס זעלבע האָט פּאַסירט מיט דער העברעיִשער ליטעראַטור אין משך פֿון 70 יאָר פֿון מײַן לעבנספֿאַרלויף, עס פֿעלט ניט אַ האָר. דער אָנהייב פֿון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור איז אַ המשך פֿון איר אָנפֿאַנג מיט 100 יאָר צוריק. מיט דעם ביבלישן סטיל האָט זיך באַװיזן דאָקטאָר יצחק ערטער מיט זײַן „צופֿה לבית ישׂראל“. ער איז געבאָרן אין יאָר תּקנ״ב, ד. ה.. מיט 134 יאָר צוריק. לאָמיר רעכענען, אַז זײַן סטיל האָט זיך אָנגעהויבן מיט 100 יאָר צוריק. זײַן אַרט שרײַבן באַשטײט אין בלויז האַלבע פּסוקים פֿון תּנ״ך, װעלכע זײַנען צוגעפּאַסט צו זײַן אינהאַלט. דערפֿאַר האָט זײַן דור אים דאַמאָלסט אָנגערופֿן מיטן טיטל „מליץ מפֿואר“. ניאָפּו, שלמאַן האָבן שוין געשטעלט די שפּראַך אַ ביסל זעלבסטשטענדיק, אָבער אַלץ ביבליש, און פֿרײַ סמאָלענסקין — אַ פֿולע פֿרײַער. אָבער מרדכי-אהרן גינצבורג, אָבוואָל ער איז געװען פֿאַר זײ, האָט זיי אין דער הינזיכט פֿיל אַריבערגעיאָגט פֿאָרויס. נאָך זײַן אָפּשטאַרבן

בּרייסט מיכה־יוסף לעבענזאָן אין אַ שיר די העברייאישע ליטעראַטור, אַז זי בּלייבּט ניט עלנד, ווייל שולמאַן פאַרנעמט זיין פּלאַץ. מען איז געוואָרן דאַן אַזוי קאַפּריז אין געשמאַק און סטיל, אַז מען האָט אַפילו קריטיקירט די גרעסטע העברייאישע שרייבּער פון יענער צייט, ווי, למשל, אדם הכהן דעם משורר. אויף זיין פּראָזע האָט מען געזאָגט, אַז זי איז גלייך צו אַ קאָזאַק אַ רייטער, ווען ער גייט צו פוס (האַרטע טריט); אויף שמואל־יוסף פין האָט מען געזאָגט: די ציגל פון זיין ציגעלנע זיינען ווייך, דערפאַר איז זיין סטיל און זיין אַרט שרייבּן — האַרט.

II.

נאָך דעם אָפּשטאַרבּן פון די פריער דערמאָנטע שרייבּער, האָבּן מיט אַ יאָר 30 צוריק באַוויזן אויף דער ליטעראַרישער אַרענע די אַזוי גערופענע „בּעלי מהלך החדש“ — נייע סטיליסטן אין העברייאיש, וועלכע האָבּן איבּערגעוועבּט דעם שפּינוועבּס, וואָס האָט אַרומגעצויגן אַ שלייער אויף דער גלענצנדיקער עפּאָכע פון דעם העברייאישן אַרט שרייבּן, וועלכן די צוגעוואָינטע צו דעם פריערדיקן אַרט שרייבּן האָבּן בּאַטראַכט פאַר אַ טרויער־שלייער. די נייע סטיליסטן האָבּן זיך אומגעקערט צום אַרט שרייבּן העברייאיש, פון וועלכן און ער־טערס צייט האָט מען פיל חוזק געמאַכט אין דעם ספר „מגלה טמירין“, צוגלייכנדיק זיי צו די בּעלי־בּתישע חסידים, וועלכע שרייבּן זייערע געשעפטס־בּריוו אין לשון הקודש מיט אַ ווערטליכע איבּער־זעצונג, ווי ס׳ווערט גערעט אין יידיש. למשל: „עס איז מיר צו־געקומען אַ שטיק געזונט“. — „נוסף בּי חתיכה בּריאות“. „איך האָבּ זיך געלייגט פאַר דיר בּיי דער בּריצטע אין דער לייג און דער בּרייט“ — „שכבתי בּעדך אצל המטרניתא לארכה ולרחבה“ א. ד. ג. דאָס איז דאָס זעלבּע, וואָס די נייע סטיליסטן בּאַנוצן דעם דייטשען אויסדרוק „אין פאָלעם זינע דעס וואָרטעס“ אָדער, ווי מען זאָגט אויך אין רוסיש „ווּפּאָלנאָם סמוסלע סלאָוואַ“ — „בּמלוא מובן המלה“. אַפילו ישעיה הנביא — דער גרעסטער מליץ — ווען מען וואָלט אים ניט געזאָגט, אַז דאָס איז אַ ווערטליכע איבּערזעצונג פון דייטש

אָדער היטיט, וואָלט ניט פאַרשטאַנען, וואָס מען מיינט דערמיט. דאָסזעלבע קאָן מען אויסדריקן ריכטיק אין העברעיאיש נאָר אין אַ פאַרדאָפּלטער פאָרם, למשל, ווען נח האָט באַשטימט זיין זון חם פאַר אַ קנעכט צו זיינע ברידער און פילן זין פון וואָרט, האָט ער געזאָגט: „עבד עבדים יהיה לאחיו“; אויף אַן אָרעמאַן אין פולן זין פון וואָרט זאָגט מען אין העברעיאיש פאַרדאָפּלט „אביון באביונים“ א. ד. ג. כדי צו שיצן מיין ביבלישן סטיל פון דער ווירקונג פון דער רוסישער שפּראַך, האָבן מיינע חברים ניט צוגעלאָזן מיר צו דערלערנען רוסיש, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט, אַז איך וועל זיך באַנוצן מיט רוסישע אויסדרוקן און זיי בוכשטעבלאַך איבערזעצן אין לשון קודש.

אויף די נייע סטיליסטן האָט פרידבערג, דער מחבר פון דעם „עמק הארזים“, וועלכער האָט זיך קאָרעספּאָנדענטירט מיט מאַפּו, געזאָגט, אַז דער סטיל פון די נייע סטיליסטן איז זיי געקומען צוליב דעם, וואָס זיי קענען נעבאַך בעסער ניט קענען, ווייל זיי האָבן דעם תנ״ך ניט געשטודירט, טאָ פון וואַנען קענען זיי האָבן אַ בעסערן סטיל? זיי האָבן געלערנט לשון קודש בלויז פון חרעסטאָמאַטיעס לויט די נייע מעטאָדן מיט אַזעלכע איבונגספראַזן, ווי „הנער והנערה יושבים בגן“ און נאָך אַנדערע פּוסטע פראַזן, וועלכע זיי האָבן געשעפּט אין די נייע העברעיאישע אונטערריכטס-ביכער, וואָס זייער צאָל האָט געוואַקסן, ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן, אַדאַנק דער קאָנקורענץ צווישן די אויפלייגער און די שולקינדער האָבן זיי נעבאַך געמוזט מיט-שלעפּן אין זייערע ראַנצעס.

III.

אָבוואָיל איך אַליין האָב אַרויסגעגעבן די ערשטע חרעסטאָמאַטיע „לדהקת נביאים“ (ווילנא תרמ״ט 1889) מיט 37 יאָר צוריק, אָבער מיין כוונה איז געווען אַ גוטע. איך האָב געגעבן דער יוגנד אַ נאָרמאַלן סטיל, וואָס איז געבויט אויף די יסודות פון תנ״ך, וועלכן די שילער האָבן אַפריער געמוזט קענען גרינדלאַך און אין זיין דריטער אָפּטיילונג איז אָנגעוויזן געווען, ווי צו שרייבן אין פראָזע די מליצות פון תנ״ך. אָבער די נייע סטיליסטן האָבן, לײדער, דעם

תנ״ך אינגאַנצן איבעגעמיידט און אַפילו קיינמאָל ניט דורכגעגאַנגען. דאָס איז אַ היפּוך פון דעם, וואָס די פּאָריקע העברייאיסטן האָבן שטודירט דעם תנ״ך מיט אַלע זיינע קאָמענטאַריען: מצודות, רש״י, מענדעלסאָנס ביאור, דעם קעמפּענער, (מלבים), די ביאורי מקראות פון אד״ם ביי די תנ״ך, דעם הר״ק, רלב״ג; אַפילו אין „המגיד״ זיינען אויך געווען געדרוקט איינפעליקע ביאורים.

אָן תנ״ך-קענטעניש קען ניט זיין קיין יידישער אינטעליגענט—משכיל. ער איז ניט יוצא מיט דעם, וואָס ער האָט הירגעלייענט דעם גאַנצן גאָגאָל, פּושקין, טורגעניעוו, קרילאָוס באַסנעס, שילער, געטע, אַפילו אויך די „פּוילישע וועלדער״, זיי מעגן זיין קונסט-ווערק, אַזוי ווי עס קומט אויס מאָדנע צו לעזן אין רייכערסאָנס איבערזעצן קרילאָווס באַסנעס אין העברייאיש — שרייבט ער דאָרטן קרילאָווס ביאָגראַפיע מיט דעם לשון: „המשכיל איוואַן קרילאָוו נולד בשנת.... דער טיטול המשכיל איף איוואַן קלעפּט ווי אַן אַרבעס צום וואַנט אָדער ווי אַ שטריימל אַ מושיק. ער האָט אים געמאָנט אָנרופן „המלמד, הממשיל משלים״ אָבער ניט משכיל. דאָס וואָס ביי אונז ווערט אָנגערופן „משכיל״, הייסט דאָס אין תלמוד „תלמוד חכם״, וועגן וועלכן דער תלמוד זאָגט: אַ תלמוד חכם מוז קלאָר וויסן גאַנץ „עשרים וארבע״. (ילקוט שיר השירים). אין זיינעם אַ בריוו פון אונטערוועגס שרייבט דער ווילנער גאון צו זיין ווייב, אַז זי זאָל זייערע קינדער געבן לערנען תנ״ך, ביז זיי וועלן אים קענען איבערווייניק. דער וועלט-באַקאַנטער ענגלישער מיניסטער לאָרד באַלפור האָט אין זיין באַגריסונגסרעדע צום עפענען דעם ירושלים׳ער אוניווערסיטעט געזאָגט, אַז מיר דאַרפן האָבן גרויס אַכטונג צו דעם פאָלק, וואָס קען לייענען דעם תנ״ך אין אָריגינאַל, אַזוי זיינען אונז מקנא די ענגלישע געלערטע, וועלכע זיינען אַליין געטריי און איבערגעבן דעם תנ״ך, צום גליק ווייסן זיי ניט, ווי ווייט מיר אַליין זיינען פון דעם תנ״ך און ווי אינדיפערענט מיר באַציען זיך צו אים. מיט 50 יאָר צוריק האָבן אונזערע אָרטאָדאָקסן געהודפט די לערנער פון תנך, איצט האָבן אים דערווייטערט און פאַרנאַכלעסיקט די היינטיקע משכילים אַליין!

ניט קיין פּלפּולים, ניט קיין דריש-ספרים קענען פאַרפלאַנצן אין

דער יידישער יוגנד אַזאַ פּאַטריאָטישן געפיל צו אונזער לאַנד און צו אונזער ערהאָבענער געשיכטע, ווי דער תנך. איך דערמאָן זיך, אַז זייענדיק נאָך אַ חדר־ייִנגל פון אַ יאָר 6—7, האָט דער רבי מיט אונז געלערנט דעם קאַפּיטל תנ״ך, ווי דוד באַקלאָגט דעם ערשטן יידישן קעניג שאול המלך מיט זיין זון יונתן, וועלכע זיינען גע־פאַלן אויף דער שלאַכטפעלד, שטרייטנדיק קעגן די פלשתים. דאָס איז פאָרגעקומען אין אַ זומערדיקן שבת־ביינאַג, ווען דאָס רוב קינ־דער זיינען לוסטיק און שפּילן זיך פריילאַך. איך אָבער האָב זיך פאַרהליפעט אין אַ געוויין און בין געווען גאַנץ ערשיטערט פון דער געשיכטע, אזוי ווייט האָט מיר געריהט דער קאַפּיטל תנ״ך. זייענ־דיק אַמאָל אין קאָוונע אויף אַ פערזאַמלונג פון „חובבי ציון״, האָב איך זיי באַוויזן, אַז אַברהם מאַפּו האָט דער ערשטער מיט זיינע ראָמאַנטישע ערציילונגען „אהבת ציון״, „אשמת שומרון״ אויפגעוועקט אין דער יידישער יוגנד דאָס פּאַטריאָטישן געפיל צום ציוניזם, פאַר־שטעלנדיק דאָס יידישע לעבן אין ארץ ישראל אין די צייטן פון אונזערע מלכים און נביאים, אַראַנק דעם נאָכגעמאַכטן ביבלישן סטיל און אינהאַלט. אַ פשיטא שוין דער תנ״ך אַליין. דער תנ״ך לערנט אונז, אַז מיר מעגן זיין שטאָלץ מיט דעם יידישן יחוס־אָבות, מיט אונזערע מלכים און נביאים, אַז מיר דאַרפן ניט זיין געפאַלן ביי זיך, ווען מיר הערן דאָס וואָרט „זשיד״. אונזערע שונאים באַציען זיך צו אונז מיט גרינגשעצונג, דאָך אין זייערע קירכן, און ביי פאַר־שיידענע רעליגיאָנס־צערעמאָניעס זינגען זיי און זאָגן קיינע קאַפּיטלען פון שעקספּיר, געטע, מיצקעוויץ, שילער אָדער פּושקין, נאָר בלויז דוד המלך׳ס פּסאַלמען פון תנ״ך.

מען דערציילט אַן אַנעקדאָט. אַמאָל האָט אַ גלח געפרעגט אַ יידן, פאַרוואָס הערן זיך אין די קלויזן אַזעלכע קולות ביים דאַוונען, ווערנד אין די קירכן קומען פאַר די תפילות גאַנץ שטיל. דערויף האָט דער ייד געענטפערט: ווען אַ פאַרמעגליכער מענטש גייט אין גאַס, זענען אַלע זיינע גאָלדענע רינגען און זיין גאָלדענע קייט פון זייגער, ער שטערט זיך פאַר קיינעם ניט, ווייל דאָס איז זיין אייגנטום. אָבער געגנבעטע צירונג טראָגט מען פאַרשטעקט, קיינער זאָל זיי ניט באַ־מערקן. אַזוי זיינען מיר מיט אונזערע תפילות, דאָס זיינען אונזערע

אייגענע, קענען מיר שרייען אויך אין דער היים. איר אָבער באַ־
נוצט אונזערע צען געבאָט, אונזערע פּסאַלמען, אונזער גאָט האָט
איר אַריינגענומען פֿאַר אַ דריטן שותּף צו אייער גלויבן*), אַלץ
האָט איר בײַ אונז גענומען, דעריבער מאַכט איר אייערע תּפֿילות
אויף שטיל. —

IV.

צו דער עפּאָכע פֿון די נייע סטיליסטן איז צוגעקומען די עפּאָכע
„יידישיסטן“ — דערמיט איז אינגאַנצן אויפֿגעשטעלט געוואָרן די
דיקע וואַנט פֿון חוני המעגל'ס בײדל, וואו ער האָט אָפּגעשלאָפֿן
גאַנצע 70 יאָר. מען האָט שוין אינגאַנצן פֿאַרגעסן אָן די גרויסע
באַרימטע יידישע דענקער, שרייבער און דיכטער פֿון דער העברעאישער
ליטעראַטור, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייערע קלאַסישע
ספֿרים. ווען בײַ די איצטיקע רוסן האָט זיך פּראָיעקטירט אומצו־
בײַטן די סלאַווישע שריפֿט אויף לאַטײַנישע בוכשטאַבן, וועלכע ווערן
באַנוצט אין אַלע אינטערנאַציאָנאַלע ליטעראַטורן, איז דער דאָזיקער
פֿאָרשלאָג ניט באַשטעטיקט געוואָרן צוליב דעם, דער קומענדיקער דור
בײַ די רוסן וועט ניט פֿאַרשטיין צו לייענען, וואָס ס'האָבן אָנגעשריבן
זייערע שרייבער און דיכטער און ס'וועט אויסקומען צו פֿאַרפֿאַקן
דעם גאַנצן רוסישן ליטעראַרישן אוצר אין די אַרכיוון. מיר האַלטן
שוין אויך בײַ דער דאָזיקער מדרגה: מיר מוזן שוין אויך פֿאַרפֿאַקן דעם
גאַנצן אוצר פֿון דער העברעאישער ליטעראַטור פֿאַר דעם נייעם אָנקו־
מענדיקן דור ניט נאָר דעם אוצר פֿון דער „בעלעטריסטיקע“ אַפֿילו
אויך די גרויסע רעליגיאָנס־פֿילאָזאָפֿישע ספֿרים, ווי „מורה נבוכים“
פֿון רמב"ם, הכוזרי פֿון רבי יהודה הלוי, ספֿר העיקרים פֿון אלבו —
וועלן זיך געפֿינען נאָר אין די אַרכיוון. מיט אַ יאָר 40 צוריק
האָט בײַ מיר גענומען אונטעריכט אין די דאָזיקע ספֿרים ה' בורשטיין,
אַ געענדיקטער שילער פֿון לערער־אינסטיטוט, ווייל, ווערנדיק אַ
לערער, מוז ער דאָך גוט קענען ערקלערן יידישע קינדער די יידי־
שע רעליגיאָנס־וויסנשאַפֿט. איצט אָבער ניט די לערער, ניט די

---

*) ניט ווי עס שטייט אין תּפֿילת אדון עולם: והוא אחד ואין שני
להמשיל לו להחבירה.

עלטערן אינטערעסירן זיך שוין ניט מיט דעם געגנשטאַנד. אַזאַ צושטאַנד ערקלערט גוט דער זאַץ: „שאל אביך ויגדך: זקנך ויאמר לך״— פרעג דיין פאָטער, וועט ער דיר זאָגן: דיין זיידע וועט דיר זאָגן, ווייל איך אַליין ווייס אויך ניט, וואָס דיר צו זאָגן, מיין קינד!

V.

ס׳איז פאַראַן אַ כלל אין לעבן: „ניטאָ אַ מעלה אָן אַ חסרון און אַ חסרון — אָן אַ מעלה״. דאָס זעלבע געפינען מיר אויך אין דעם ענין וועגן העבּרעאיסטן און יידישיסטן. ווען העבּרייאיש איז געווען אין איר פולן גלאַנץ און פראַכט, זיינען טאַקע געווען גלענצנדע שרייבער, מליצים, און משוררים, אָבער די יידישע מאַסע איז באַשטאַנען פון עמי הארצים גמורים, וועלכע זיינען געווען שוואַך אין עברי. אַ בריוול אָנשרייבן אָדער אַ חשבון מאַכן האָט מען געמוזט אָנקומען צו איינצלנע מענטשן. די געציילטע, וועלכע האָבן זוכה געווען צו ווערן משוררים פון גאָטס גנאָד אָדער צו אַ מליצה=סטיל, זיינען אָבער פאַרבליבן הינטערשטעליק אין אַלגעמיינער וויסנשאַפט צוליב דעם, וואָס זיי האָבן פאַרבראַכט זייערע יונגע יאָרן אין איין גריבלען זיך בלויז אין תנ״ך מיט אַלע זיינע קאָמענטאַריען, מיט זיין שווערן דקדוק מיטן נקוד, וועלכן קיינע אַנדערע שפּראַכן האָבן ניט.

דעמזעלביקן גורל האָבן אויך געהאַט די ישיבה=בחורים, וועלכע האָבן מיט גרויס התמדה זיך געגריבלט אין תלמוד מיט אַלע פלפולים, אַפילו די, וואָס האָבן שוין זוכה געווען צו סמיכות אויף רבנות, זיינען אויך פאַרבליבן ווי אין אַנדערע למודים אַפילו אויך פרעמד אין זייער אייגענער לאַנדשפּראַך. דאָס איז דאָך אַ היפוך צו אונזערע בעלי התלמוד, וועלכע האָבן געקענט אייניקע שפּראַכן, אַנדערש האָט מען זיי ניט אַריינגענומען אין די סנהדרין, שוין ניט ריידנדיק וועגן דעם, אַז זיי האָבן געהאַט ידיעות אין אַלע צווייגן וויסנשאַפט, ווי: פיזיאָלאָגי, זאָאָלאָגי, פּסיכאָלאָגי, באַטאַניק, אַסטראָנאָמי, געאָגראַפי, מאַטעמאַטיק א. א. וו. אין ספר „ידיעות הטבע בתלמוד״ פון טאַקסין זיינען אָנגעגעבן ביז 18 געגנשטאַנדן, וועלכע געפינען זיך אין תלמוד. די בעלי התלמוד האָבן שטודירט

די וויסנשאַפֿט גרינדלעך, אָבער אין תלמוד האָבן זיי אַרייַנגעטראָגן בלויז דעם באַשלוס פֿון יעדער געגנשטאַנד, וואָס האָט אַ שייכות צו דינים. פֿון אויסלערנען אַליין זרעים אָדער כלאים, קען מען נאָך קיין אַגראָנאָם ניט ווערן. אונזער חשובער דאָקטאָר שאַבאַד האָט מיר געוויזן אַ בוך, אין וועלכן זיינען צוזאַמענגעקליבן אַלע רפֿואות פֿון תלמוד, אָבער קיין דאָקטאָר פֿון דעם קען מען ניט ווערן, אַפֿילו ניט קיין פֿעלדשער. וויסנשאַפֿטלעכע געגנשטאַנדן מוזן געלערנט ווערן פֿון עלעמענטאַר אָן, אָבער ניט בלויז פֿון בלעטערן אַן ענציקלאָפּעדיע. די חכמי-התלמוד רופֿן אַן אַזעלכע לומדים מיט ערנידערונג „תלמיד חכם שאין בו דעה". זיי ברענגען צום דין, אַז אַ טויב קען מער ווי 50 איילן ניט אָפּגיין שפּרינגענדיק — און אַז ר' ירמיה האָט געפֿרעגט אַ שאלה, ווי איז, אַז זי גייט אַריבער אַ האַלבן שפּריז מער, האָט מען אים דערפֿאַר אויסגעשלאָסן פֿון אוניווערסיטעט, ווייל ער האָט ניט געוואוסט, אַז מער קען דאָס אויף קיין פֿאַל ניט פֿאָרקומען. די ישיבה-לערנער קענען וויסן ניט מער, ווי דעם דין, אָבער ניט די וויסנשאַפֿט גופֿא, וועלכע דאַרף ווערן ערלערנט באַזונדער. ניט באַזיצנדיק קיינע קענטניסע אין דער אַלגעמיינער וויסנשאַפֿט, האָבן די לומדים פֿאַרפֿאָלגט ניט נאָר די וויסנדע משכילים אַליין, אַפֿילו אויך יענע קליינקער, וועלכע האָבן געהאַלטן ביי זיך אַ רוסישן אונטערריכטס-בוך צום ערלערנען די לאַנדסשפּראַך. אַזאַ ביכל האָבן זיי אָנגערופֿן „טריף-פסול". אַזאַ אַרט פֿיינדשאַפֿט צו דער לאַנדסשפּראַך איז פֿאַרגעזן אין דער תוכחה: „לעבן ביי אַ פֿאָלק און ניט פֿאַרשטיין זיין לשון". אונזערע לומדים האָבן אַפֿילו ניט געקענט לשון קודש, ווייל זיי האָבן אָנגעהויבן צו לערנען גמרא, ווען זיי זיינען געווען נאָך אונרייף אין עברי. דערצו זיינען זיי אַריין אין גמרא וואָס איז דערצו אָן נקודות און לעזן דעריבער פֿאַרגרייזט: אָנשטאָט „זימן שחורים ומצא לבנים (ווייסע) ווערט געלעזן לבנים (ציגעל), „המלמד בן חבירו תורה כאילו „ילדו—ילדו (זיין יאָלד) כיון שעלה לא ירד—לא ירד א.ד.ג. מען דערציילט, אַז אַ קרעטשמער האָט געהערט, ווי אַ בעל עגלה האָט געדאַוונט מיט שווערע עברי, פֿרעגט ער אים, ווי קומט ער צו אַזעלכע עברי, האָט ער זיך דערמיט פֿאַרענטפֿערט, אַז איינט-

לאַך האָט אים זיין פֿאָטער ע״ה געוואָלט מאַכן פֿאַר אַ רבֿ, אָבער אַזוי ווי ער איז אים אָפּגעשטאָרבן יונגערהייט, איז ער אַלס יתום אָנגעקומען פֿאַר אַ שמייסער בײַ אַ בעל עגלה און איז פֿאַרבליבן אַ פֿורמאַן אָן עברי.

אום צו ערלערנען די לאַנדשפּראַך און צוגלייך אויך אַלגעמיינע וויסנשאַפֿט, האָבן סײַ די משכּילים, סײַ די לומדים פֿון די ישיבות זיך געמוזט אַריבערפּעקלען אין די רעגירונגס=מיטלשולן און טאָמער האָט מען זיך אַריינגעכאַפּט אין די העכערע שולן, זיינען פֿילע פֿון זיי אינגאַנצן שוין מער צוריק ניט געקומען צו זייער אייגענעם פֿאָלק.

VI.

מיר לעבן איצט אין אַזאַ צייט, ווען אַלע פֿעלקער פֿון די מינדערהייטן פֿירן אַ ביטערן קאַמף פֿאַר דאָס רעכט צו לערנען זייערע קינדער אין די שולן אין דער מוטער=שפּראַך, אויף וועלכע די קינדער ריידן פֿון זייער געבורטס אָן. בײַ אונז איז די מוטער=שפּראַך יידיש, דעריבער דאַרפֿן אונזערע קינדער ערלערנען די אַלגעמיינע עלעמענטאַר=וויסנשאַפֿט אין יידיש. אָבער דאָס שליסט ניט אויס, אַז מען דאַרף אינגאַנצן פֿאַרלאָזן לשון קודש.

אין אַ געשפּרעך מיט דעם פֿאָרשטייער פֿון די יידישיסטן, חבר .זלמן רייזין, האָב איך אים באַמערקט, אַז אין דער שאלה וועגן יידיש און העברייאיש בין איך געגליכן צו אַן איבערגעגעבענעם קינד צו זיינע עלטערן. ווען מען פֿרעגט אים: „וועמען האָסטו ליבער, דעם טאַטן צי די מאַמען?“ ענטפֿערט ער: „איך האָב ביידן ליבער“. ווי איז אָבער אַזאַ קינד איפֿן האַרצן, ווען ער זעט, ווי זיינע ביידע, גלייך געליבטע, וואַרפֿן זיך מיט טעלער איבער די פּנים'ער?

בײַ מיר איז דאָס ניט אַזוי אַ גלייכוואָרט, ווי אַן אמת; דאָס באַשטעטיקט מיינע ליטעראַרישע אַרבעט אין די ביידע שפּראַכן. מיין ערשטער אַרויסטריט אין דער ליטעראַטור איז געווען די איבערזעצונג דעם „הלכות דעות“ פֿון רמב״ם אין יידיש. איך האָב

אויך פיל געשריבן אין דעם יידישן בלאט „הישראלי" פון דער העברייאישער צייטונג „לבנין", אויך אין דעם יידישן–בלאט „קול לעם" פון דער העברייאישער צייטונג „הקול" (פון ראָדקינזאָן). אויסער דעם האָב איך אַרויסגעגעבן באַזונדערע בראָשורן אין יידיש, ווי: „משלי חכמים", „דער פאַרבאָטענער ברית" — אַ מעשה פון אַנטונינוס ורבי, „דאַמען רעכט" לויט דעם תלמוד און דער נייער ציוויליזאַציאָן, „די בורזשואַזי", „מעשה הצדקה אין ווילנא אין דער מלחמה-צייט". מיינע מוזיק-לערנביכער זיינען געשריבן פּאַראַלעל אין ביידע שפּראַכן — אין יידיש און העברייאיש — וועגן וועלכע איך האָב באַקומען מונדלעכע קאָמפּלימענטן פון קאָמפּעטענטע קענער. דער באַרימטער געלערנטער אברהם אליהו האַרקאַווי האָט מיר געזאָגט, אַז ער פאַרשרייבט זיך אַלס פראָנומעראַנט אויף די ווערק ניט צוליב די מוזיק, נאָר אַלס פילאָלאָג, וועלכער באַוואונדערט מיין קראַפט איבערצוגעבן אין אַ ריינעם העברייאיש אַלע מוזיק טערמינען, וועלכע אַפילו אין דער לעבעדיקער רוסישער שפּראַך ווערן באַנוצט אַלס אינטערנאַציאָנאַלע טערמינען. אויך אליקום צוניער האָט באַוואונדערט, וואָס מיר איז געלונגען צו דערפירן סיי די יידישע, סיי די העברייאישע קאַפּיטלען צו איין און דערזעלבער מאָס און גרייס, ווערנד, ווי ס'איז באַוואוסט, מוז אָפטמאָל איין העברייאישער וואָרט איבערגעגעבן ווערן אין דריי אָדער פינף ווערטער. אין מיין יידיש-העברייאישן ענציקלאָפּעדישן ווערטער-בוך „מלים בלשוני" האָב איך אויך צוזאַמענגעפלאָכטן יידיש מיט העברייאיש און געמאַכט צווישן זיי אַ שלום און אין דער אָפּטיילונג פון תלמודישע ציטאַטן „פּתגמי אורייתא" איז דער תלמודישער טעקסט איבערזעצט אין יידיש אין וויצלדיקע גראַמען.

צום שלום קום איך צום באַשלום:

העברייאיש דאַרף ביי אונז זיין טייער, ווייל הזרך איר פאַרשטייען מיר דעם תנ"ך אין אָריגינאַל. זי מאַכט אונז באַקאַנט מיט אונזערע טיפע דיינקער, וועלכע האָבן אונז איבערגעלאָזן אין איר

זייערע ערהאָבענע אידעען און פילאָזאָפישע הקירות. אין דער לעצ־טער צייט האָבן אין איר אויך געשריבן אונזערע גרייסע בעלעטרי־סטישע שרייבער, מליצים און משוררים.

דורך יידיש קענען מיר אין די גלות־לענדער לייכטער אנט־וויקלען אונזערע קינדער, ווייל פאַרלויפיק איז דאָס ביי זיי זייער מוטערשפּראַך.

אָבער אין ארץ־ישראל, וואו העברייאיש וועט ווערן אונזער מאַמע־לשון, דאָרטן וועלן אויך די יידישיסטן ווערן העברייאיסטן און ביי אונזערע קינדער וועט מקוים ווערן די הבטחה: „וכל בניך למודי ה׳ ורב שלום בניך”. במהרה בימינו אָמן!

אויף דעם יובליי־פייערונג האָבן פאָרגעטראָגן רעדעס די חברים פון ליטעראַטן־פאַראיין: יוסף אליהו טריוואש, זלמן רייזען, ה. אַבראַ־מאָוויטש, און א. י. גאָלדשמידט. די אַרטיסטן פון ליפּאָווסקיס טרופּע ל. שריפטזעצער ס. אַלטבוים, א. דאָמב, מ. גיליגיטש האָבן אַמוזירט דעם פאַרזאַמלטן עולם מיט זייערע קינסטלערישע טאַלאַנטן.

אַלע איינריכטונגען מיט די אַמוזירונג צום יובליי איז געוואָרן געשאַפן דורך די פאַראינטערעסירונג פון די דיכטערין שרה רייזען.

גראטולאציאן

צו מיין דרייסיק=יאָריקן יובילײ פון מיין ליטעראַרישער טעטיקייט).

14) אויף דעם געדרוקטן יובילײ=בלאַט ווילנא 3 דעצעמבער 1904 זיינען אונטערגעשריבן די דאָזיקע נכבדים פון ווילנא: מרדכי יעקב נעמזער רב מטעהם, דוד הכהן סלאָנימסקי אַדוואָקאַט, זאב יעבין, יוסף אליהו טריווש, בצלאל מרדכי אַלטשולער, חיים ליב מאַרקאָן.

15) דעפּעשן ערהאַלטן פון: דאָקטאָר סקאָמאַראָווסקי רב מטע״ה אין זשיטאָמיר; איסר וואָלף, קאָוונא. אַבראַמאָוויץ, מחבר פון פיל יודישע ביכער. אין זיין לאַנגע טעלעגראַמע פערגלייכט ער אַ דרייסיק יאָריקען יובילײ פון אַ יידישן שרייבער צו אַ דרייסיק יאָריקען קריג מיט זיין שווערן לעבנס=קאַמף.

רעצענזיעס

איבער מיינע מוזיקאַלישע און אַנדערע ווערק.

1) וועכנטליכע כראָניק פון „וואָסכאָד“ נומ׳ 47 — 1883 י. און נומ׳ 11 — 1887 י. (רוסיש).
2) יידישער איבערבליק 1884 י. (רוסיש).
3) יידישע ענציקלאָפּעדיע בראָקהױ און עפראָן (רוסיש).
4) דזשואיש ענציקלאָפּעדיע 1901 ניו=יאָרק (איינגליש).
5) לאָדוער טאָגעבלאַט נומ׳ 36 — 1890 י. (דייטש).

6) זלמן רייזען: לעקסיקאָן פון דער אידישער ליטעראַטור און פּרעסע, וואַרשא 1914 (יידיש).

7) זלמן רייזען: לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור, פּרעסע און פילאָלאָגיע פאַרלאַג ב. קלעצקין 1926 (יידיש).

8) קאָנטאָר־ציַיטונג „ירחון החזנים" לאברהם בירנבוים ש"ץ אין טשענסטאָכאָוו נומ' 1 — 1896.

הסכמות
(געדרוקט אין די ווערק גופא).

9) פון באַוואוסטן געלערנטן ר' מרדכי פּלונגיאַן אויף מיין העברייאיש אונטערריכטס־בוך „חדר לתינוקות בבית רבן" ווילנא 1882.

10) פונם באַוואוסטן מוזיקער און קאָמפּאָזיטאָר וו. עפּאַן אויף מיין מוזיק־טעאָריע־לערבוך „מנצח בנגינות", ווילנא 1883.

11) פונם טעאָרעטישן פּראָפעסאָר, פּיאַניסט און אָרגאַניסט יאָזעף גרים אויף דעמזעלבן בוך.

12) פון באַרימטן חזן דין אין ווילנע און אין אַמעריקע ר' ישראל קופּפער אויף מיין האַרמאָניע לערבוך „זמרת־יה", ווילנע 1885.

13) ליוב־בריוו אויף מיין ביבליאָגראַפישן לעקסיקאָן „כל חמדת ישראל" פון פאַרשיידענע געלערטע און גרויסע מענער, ווי א. הרכבי, ר' שלמה באָבער, ד"ר טעאָדאָר הערצעל און אַנדערע.

נ. ד. האָפמאַן, משה חאַסקעס (שיר).